# איין אפענער בריעף צו יענטע סערדאצקי

טהייערע יענטע!

ענדליך האָבען מיר, א דבורה הנביאה, א יהודית, א פעראָווסקאַ־יא, א דזשאנא ד'ארק!!

דיעזע מוטהיגע ווערטער האָב איך אויסגעשריען 3 מאָהל, איבער־לעזענדיג אייער ארטיקעל „אונזער ליטעראטור" אין לעצטען נומער „פר. אר. שטימע".

ליעבע און טהייערע יענטע! שוין יאָהרען לאנג, אז איך האָב געווארט, געגארט און נאָכאמאָהל געווארט, אויף דעם יעניגען וואָס וועט קומען און ארויסשלעפען אונזער ליטעראַ־טור פון איהר „פערקאָפּעטען" צו־שטאנד, איהר געבען „א פארלאָר" פנים און ארויסטרייבען פון איהר די מיקראָבען־פערשפּרייטער.

יענטע סערצע! איך מוז זיך פאר אייך מודה זיין אז איך האָב געוואָלט אז דיעזע מלאָכה זאָל טוהן א מאן: — א העלד, א ריעז, מיט א גרויסען קאָפּ, מיט מורא'דיג ברייטע פּלייצעס, און עס פערדריסט מיך וואָס גראדע א פרוי, א שוואכע פרוי, האָט עס געדארפט טוהן... עס פער־דריסט מיך, — מיין מאנסביל־שטאָלץ איז דאָ פערמישט...

נור פונדעסטוועגען אז עס האָט זיך שוין יע אזוי געמאכט, גראטוליר איך אייך און רוף אויס: ס'רע־בע די פעטי־קאָוט אין דער אידיש'ער ליטעראטור!

וואָס קען מען זיך העלפען, וואָס קען מען זיך העלפען אז אונזערע שטארקסטע מענער זיינען יעצט פערנומען מיט שאך, דאָמינא און טשעקערס... וואָס קען מען זיך העלפען!...

און ווען איך פערמאך פון גרויס פרייד די אויגען, זעה איך אייך טהייערע יענטע ווי איהר שטעהט זיך אזוי אין קיטשען, אין אייער פארטוך, די קאָפּ אביסעל אָן א זייט — אין איין האנד האלט איהר א ביגעל־אייזען, אין דער צווייטער א קאָך־לעפעל, איהר שטעהט אזוי אין מיטען־קיטשען — עס איז ביי טאָג, דער מאן ארבייט, אין הויז איז שטיל, דער סינק רינט, די וועש ווייקט זיך, די טעלער זיינען ניט גע־וואשען, — איהר שטעהט זיך אזוי יענטע סערצע און איהר רופט: מיי־נע טייערע קאָלעגען, זייט שטארק! זייט שטאָלץ! שטעלט פעסטע טריט! טראָגט די לוחות אין אייערע הענד! קעמפּפט! — ווייל איהר זייט דער „אוואנגארד" די פאָהנען־טרעגער די!... און ווען איך זעה אייך אזוי! פערווילט זיך מיר פאלען אייך אויפ'ן האלז און קושען, קושען אזוי אייך אזוי, קאָלעגעאל און וואַ־רים ביז די ווארימקייט זאָל גרייכען די אידישע ליטעראטור...

יענטע טהייערע! איך בין בע־גייסטערט, איך קען מעהר ניט רע־דען, שרייבען, מיר ווילט זיך רופען, שרייען איבעראל: אז איהר זייט איינפאך א מאמע און ניט קיין שרייבערין!

איהר האָט געראטעוועט די אידי־שע ליטעראטור פון איהרע פערלוימ־דער, איהר האָט ביי איהר אוועקגע־נומען דעם בילדונג־עקזאמען און איהר איבערגעגעבען אין די הענד פון דעם שיקזאל...

איהר האָט אונזערע „יונגע" צו־געגעבען מוטה און דרייסטיגקייט אין זייער „גרינג־שאצען" זיך...

מיט איין וואָרט, איהר האָט יענטע טהייערע...

צו וועט עס פיעל אויפטוהן? צו וועט עס ווירקען אויף אלעמען? דאָס איז שוין, טהייערע קאָלעגין מיינע, א גאָט זאך... ווער קען עס וויסען? אלענפאלס איך בין מיט אייך, און דריק פעסט אייער פוכלע הענטיל.

מיט ליעבשאפט, דרך־ארץ און קאמפּפסלוסטיגקייט, אייער,

נקיים, אייער,
חיים'קע.